בעזרת השי"ת

# ספר
# אכילה ובריאות וחיים

אינהאלט פון קונטרס

א. דער קונטרס איז געווידמענט צו געבען די ריכטיגע עצה פאר יעדע אידישע שטיב, ווי אזוי צו קענען זיין פארזיכערט אויף א כשר'ן ביס'ן, און גלייכצייטיג נישט זיין באדרויט פון צרות און אומגליקען וועלכע קומען פון הימעל צוליב נישט כשר'ע עסענ'ס.

ב. א תורה'דיגע עצה פטור צו ווערן פון אידישע צרות ל"ע.

ג. עס איז א צייט אויף חשבון הנפש צוליב די די פארמערטע אומגליקען טאג טעגליך ל"ע.

ד. אפילו דער וואס זיצט זיך רואיג דארף אבער געדענקען אז עס איז דא א עולם האמת ווי יעדער ריר און באוועגונג איז אפגעשריבען.

ה. ווי אזוי דארף אויס זעהן דאס אחריות פון א רב וואס מען קען זיך פארלאזען אויף איהם מיט כשרות.

ו. א קאנטראקט מיטן רב המכשיר.

ז. אויב מען היט זיך דאס מויל ווערט מען פארהיט פון צרות.

שבט-תשמ"ג

יצא לאור ע"י בית דין צדק שע"י כשרות המזון בעיר נוא יארק רבתי

דפוס נצח ברוקלין נוא יארק

## רב גדול בישראל מאכיל טריפות

לז) אם הרב אינו משגיח על השו"ב כראוי וסומך עצמו על חזקתו הוי הרב בכלל מאכיל טריפות לישראל חס ושלום ונתפס בעונו (שע"ת לרבינו יונה זצ"ל).

## ע"י בשר פיגול יצאו מהדת

ז) אין עבירה כמאכ"א שמטמטם לב הישראלי ובעוה"ר עי"ז יצאו מן הדת כמה קהלות בארץ לועז ע"י השו"ב הקלים שאכלו ונתפטמו בטריפות וגברו עליהם דעות זרות עד שפקרו ונאבדו מתוך קהל הקודש (ד"ח ח"א סי' ז', דכ"ת סי' א' ס"ק פ"ג).

## מערמת הס"מ שלא לפתות כל יחיד, רק מעמיד שוחטים בכ"מ מסיטרא דילי' ועי"ז הכל ברשותו

ח) עתה התחכם היצה"ר שלא יצטרך לילך ולפתות וללכוד ברשתו כל יחיד ויחיד, רק יחיד אשר רבים נכשלים בו, והוא שמעמיד שוחט בעיר מסיטרא דילי' המאכיל טריפות לרבים וכולם נלכדו ברשתו (תולדות יעקב יוסף נשא ד"ה העולה).

## מלך זקן וכסיל יושב על כסא של ג' רגלים, חזנים, שוחטים, סופרים

לד) המלך זקן וכסיל (הוא היצה"ר) יושב על כסא של ג' רגלים. רגל א' החזנים המוליכין מחוץ למחנה תפלות כלל ישראל. רגל ב' שוחטים המאכילים נו"ט לבני ישראל. רגל ג' סופרים הכותבין תפילין ומזוזות פסולים. ותו לא צריך לכלום (שו"ת חת"ס או"ח סי' ר"ה).

## שוחט כשר אליהו בעיר, שוחט רע מה"מ בעיר

לה) אם השוחט יר"ש כדבעי אז אליהו הנביא בעיר, ואם אינו כהוגן אז מלאך המות בעיר (אמרי צדיקים, דברי גאונים עמוד ה', ובס' שמחה בבשר בפתיחה פי' בזה דבר נפלא מה שאחז"ל כלבים שוחקין אליהו בעיר, כלבים בוכין מה"מ בעיר, דהיינו כשהשוחט יר"ש אז הכשרות לאכילה והטריפות להכלבים שזה מנת חלקם כמש"נ "לכלב תשליכון אותו", וע"כ שוחקין, וא"כ הר"ז סימן שאליהו בעיר כיון שאכילת הבשר כהוגן, אבל שוחט שלא כהוגן מאכיל נו"ט לישראל ח"ו אז גוזל חלק הכלבים וע"כ בוכין, ואז מה"מ בעיר).

### מעשה נורא שאירע בבלאזואקיי מקצב שהי' מאכיל טריפות ח"ו

ידוע המעשה הנורא שאירע בתקופתנו לפני כארבעים שנה בבלאזואקי בישוב סמוך להייסניין, שהקצב דשם הי' מוכר לאחד מחשובי בעלי הבתים ולבסוף נחלה במחלה מסוכנת ואז קרא לפני נסיסתו את הדיין של הקהלה והודה לפניו שהרבה שנים מכר בשר טריפה לישראל ואמר שזה בשר כשר. ואח"כ מת. וכשהחברה קדישא התחילו לחפור הקבר נתמלא הקבר עכברים. ורצו להבריח את העכברים ולא יכלו בשום אופן. והפרו קבר אחר וגם זה נתמלא עכברים. וזרקו לתוך הקבר קש ועצים ועשו שריפה גדולה ושמעו קולות בכי' ומרוב פחד ברחו משם החבריא קדישא ואח"כ שוב נתמלא הקבר עכברים ובאו לפני הרב ושאלו אותו מה לעשות והשיב שישכיבו את המת כך בקבר ושמו את המת בתוך הקבר מתוך בכיות על ההרפה של המת ותכף שהשכיבו אותו בתוך הקבר התנפלו עליו העכברים ואכלוהו כולו רח"ל. המעשה הזאת נתפרסמה בכל הסביבה ורבים עשו תשובה.

## א תורה׳דיגע עצה פטור צו ווערען פון אידישע צרות

עס ווערט צוריסען אויף פיצלעך יעדעס אידיש הארץ און פארקלעמט ביז׳ן קלימאקס, צו הערענדיג פארשידענע צרות ישראל מיט אומגליקען וואס פאסירן ר"ל טאג טעגליך, וואס יעדע איינע פאר זיך איז גענוג און איבער גענוג אויף צו טרענען די פעדעמער פון א אידיש הארץ.

עס איז אן יעדען צווייפעל א חובת השעה פארן גאנצען כלל ישראל אויף חשבון הנפש.

אידען מאמינים בני מאמינים ווייסען און גלייבען אז קיין שום פאסירונג אדער אומגליק ח"ו איז נישט קיין צופאל, בפרט ביי אומגליקען פון יונגע מאמעס און קליינע קינדער, נאך דערצו אין אזא גרויסען פארנעם אזוי אפט רח"ל.

דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין אנהייב הלכות תענית אז די ווערטער "אם תלכו עמי קרי" וואס שטייט ביי די תוכחה באדייט, דאס אויב מען וועט אנהענגען די אומגליקען וואס ווערען צו געשיקט פין הימעל אז עס איז בלויז א צופאל, דעמאלס פירט אויס דער פסוק ווייטער וועט השי"ת מערען צו שטר־אפען ח"ו.

קומט אויס לויטן רמב"ם (וואס איז ווי באקאנט פון אונזערע גרעסטע הלכה אוטאריטעטען), אז דער שטראף פאר נישט בארעכענען זיך באצאטענס ווען עס פאסירט ח"ו ל"ע א פלוצלינגדיגען אומגליק, און טוהן הלכה למעשה צו פארעכטען דעם פעלער וואס האט צו געברענגט דעם טראגעדיע, לויט די אנווייזונגען פון די ספרים הקדושים וואס זענען געווידמעט ארויס־צוגעבען דעם אורטייל אויף יעדען סארט אומגליק ח"ו וואס מען דארף זיך פארנעמען ביי זיך און די גאנצע בני בית אויף להבא.

עס איז דעריבער א פליכט טיעף אריינצוקלערען אין די פארשידענע לעצטענס פארמערטע אומגליקען אזוי ווי הארץ אטאק׳ס, די ריכטיגע מעשה רח"ל (חולי הידוע), נערוועז צוזאמען בראך, אסמא, מיט אנדערע אטעם קראנקהייטען, אלערדזשי, בליט סירקולאציע, נירין קראנקהייטען, צוריק׳געבליבענע קינדער, מאגן

# ד אכילה וברי אות - וחיים

אין אזא גרויסען פארנעם וואס האט נישט צו זיך קיין גלייכען אין די געשיכטע.

שטיבער מיט צענדליגע קליינע קינדער בלייבען ל"ע פאר יתום׳ס אן טאטע מאמע רח"ל וואס דאס קען מען נישט ערזעצען, צענדליגע קינדער אין דעם עלטער פון 3 יאר, 4 יאר, 5 יאר און העכער וועקען זיך אויף צופריה מיט א וויינענדיגע שטימע מאמי! מאמי! זייער שטימע ווערט ליידער פארשטיקט צווישען די ווענט פון שטיב אום דערהערט, קליינע קינדער מיט פארקלעמטע הערצער פון פארשידענע פראבלעמען וועלכע קומען ארויס טאג טעגלעך האבען נישט זוכה געווען צו האבען א מאמע פאר וועמען אראפ צו רעדען זייער צובראכען הארץ און צו געפינען ביי איר א טרייסט ווארט, מאמעס קוקען זיך צו פון יענע וועלט מיט צער און ווייטאג אויף דעם איבערלעבניש פון זייערע באליבטע קינדער וואס זענען פון זיי אוועקגעריסען געווארען פלוצלינג און טראגען זיך ארום מיט פארפאניקטע הערצער יארען (המהים מצטערים בצער קרוביהם-חז"ל).

דער זוה"ק גוט צו פארשטיין ביי די מצוה פון שליח הק"ן אז עס עקזעסטירט זיך נישט אזא צער און פייגונג אויף דער וועלט ווי קינדער וואס ווערען אוועקגעריסען פון זייער מיטערס שוים אויף אייביג רח"ל.

הארץ רייסענדע סצענעס אנטפלעקען זיך טעגליך ווען מען קוקט צו ווי אזוי זעקס זיבען אינגלעך פון איין מאמי וועלעכע האבען נאך נישט רעכט געגנא-סען פון לעבען שטייען צוזאם אין זאגען קדיש נאך זייער מיטער ל"ע.

די עונות הדור זענען פיהל אבער קיין ערנסטע שריט ווערען נישט גענומען און קיין שום פאזיטיוו פאסירט נישט.

ווי זענען אלע רבנים???
ווי זענען אלע מנהיגים ???
פאר וואס שווייגען זיי אין אזא עת צרה ליעקב??

לויט די אנווייזונגען פון די חז"ל איז דער צענטראל פראבלעם וועלעכער קען אנגערופען ווערען מיט רעכט דער יסוד אין שורש פון אלע צרות און אומגליקען דער כשרות פראבלעם וואס דער ריקען ביין דערפון איז זעלבסט פארשטענדליך פלייש. נישט דא

↓

# א כ י ל ה ו ב ר י א ו ת - ו ח י י ם ה

אין דער עפענטליכקייט ווי פלייש פראבלעמען, עס גייט כמעט נישט אדורך א האלב יאר אין אס הערט מען שוין פרישע סקאנדאלען, יעדעס מאל אין אן אנדער ווינקעל, איינמאל הייסט עס שחיטה, איינמאל הייסט עס בדיקות, איינמאל הייסט עס סרכות אין איינמאל הייסט עס ניקור, איינמאל הייסט עס זאלצען, איינמאל הייסט עס השגחה, און איינמאל הייסט עס מכשירים איינמאל הייסט עס שוחטים איינמאל הייסט עס קצבים איין מאל הייסט עס משגיחים און איין מאל הייסט עס פלאמבעס, איין מאל הייסט עס גלאט און איינמאל הייסט עס מאסען פראדוקציע, איינמאל הייסט עס צינגען און איינמאל הייסט עס לעבערס, איינמאל הייסט עס סוויט ברעסט און איינמאל הייסט עס סאלאמי.

**פרעגט** זיך די פראגע וואס קען א פשוטער מענטש אן עמך איד מער טוהן ווי פארלאנגען א הכשר? אין אויב דאס קען אויך טראגען פראבלעמען מיט זיך איז וואס שוין ווייטער?

נאך לאנגע באראטונגען פון אונזער בי"ד איז בעהי"ת געלונגען אנצונעמען אן איינהייטליכען פלאן וואס וועט האפענטליך בעזה"ית פארבעסערן דעם מצב.

## די עצה איז ווי פאלגענד:

יעדער ראש המשפחה זאל נעמען פאפיר און פעדער אפשרייבען א בריף צו זיין רב המכשיר און בעטען עד זאל עס ענטפערען און אינטערשרייבען.

דער אינהאלט פון בריף זאל זיין ווי פאלגענס:

## לכבוד הרב וכו' מוהר"ר .......... שליט"א.

אזוי ווי איך קויף אין.........בוטשער סטאר... וועלעכער טראגט אייער הכשר, און די ספרים ה"ק זאגען אז מאכלות אסורות ברענגט אלע צרות און אומגליקען רח"ל, אין דער הייליגער צדיק ר' הלל מקאלאמאייער זצ"ל שרייבט "האט רחמנות אויף אייערע יונגע זוהן און טעכטער איר זאלט זיי ח"ו נישט אומגליקלעך מאכען דורך דעם וואס איר עסט מאכלות אסורות.

פארגעסט נישט!

אז די גזירה ביי המן אויסצוהארגענען אלע יודען איז נאר געווען ווענען עסען טריפענע עסען (מגילה י"ב).

## ו אכילה ובריאות - וחיים

שרייבענדיג די שורות דערמאן איך זיך וואס שטייט אין ספר אמרי ש"י, די חז"ל זאגען המן מן התורה מנין? ווי איז מרומז אין די תורה המן? "המן העץ אשר צוויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת." וואס פאר א שייכות האט דער פסוק פון בראשית צו המן?

מען זעהט אמאל ווי א יוד פארלירט דעם צלם אלוקים, ער ווערט פארדארבען אז ער איז גרייט צו ברענגען אפילו אומגליקען אויף זיינע אייגענע ברודער, פון וואנעס שטאמט אזא פארדארבענקייט ביי

א יוד? דאס נעמט זיך פון עסען נישט כשר׳ס וואס דאס איז מטמטם את הלב, אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט דאס פון די עסען ווערט׳בלוט, אין די בלוט גייט צום הארץ, אזוי איז די טרפות מטמטם דאס הארץ, ביז ער ווערט א יודישער "המן" ווייל ער האט געגעסען אזאך וואס "צויתיך לבלתי אכל ממנו", ע"כ.

זעהט מען דאך פון דעם אז דאס עסען נישט כשר ברענגט צו דאס ערגסטע.

ווענען דעם זאגט מען "ארור המן אשר ביקש לאבדי" ווייל ער האט מאכיל געווען די יודען מיט מאכלות אסורות, דורך דעם האט ער געהאט א כוח גוזר צו זיין אויף די אידען שלעכטע גזירות (מגילה י"ב).

אויך שטייט אין ב"ח (או"ח סי׳ תר"ע) וזל"ק:

בפורים היתה עיקר הגזירה לפי שנהנו מסעודתו. ע"כ נגזר עליהם להרוג ולאבד את הגופים שנהנו מאכילה ושתי׳ של איסור ושמחה ומשתה של איסור. וכשעשו תשובה עינוי נפשותם כמ"ש אסתר "לך כנוס את כל היהודים ואל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים" לפיכך קבעום למשתה ויו"ט לזכור עיקר הנס.

ווענען דעם זאגט מען "ברוך מרדכי היהודי" ווייל אין זיין זכות זענען יודען ניצול געווארען פון די גזירה פון המן, ער האט אכטונג געגעבען אז יודען זאלען נישט עסען מאכלות אסורות, דערפאר איז ער געזעסען ביים קעניגליכען טויער אכטונג צו געבען אז אסתר זאל זיך נישט פאר אומווערדיגען מיט נישט כשר׳ע עסען׳ס, (פדר"א פרק נ׳).

אין פאקע נאר אין דעם זכות איז דורך איר אויסג-עקימען די גאולה פאר אידען, און דערפאר האט מרדכי געהייסען "יהודי", ווייל קיין אום כשר עסען איז נישט אריין אין זיין מויל, (שם).

# אכילה ובריאות - וחיים ז

דער חינוך שרייבט אז דער איסור פון טריפות איז צוליב דעם געגעבען געווארען ווייל טריפות ברענגט רח"ל אלע קרענק (חינוך מצוה ע"ג).

דער רמב"ם שרייבט אז מאכלות אסורות איז פינקט אזוי שעדליך פארן קערפער וואס נעמט זי אריין פינקט ווי ער וואלט אריינגעשטאכען אין איר מעסערס.

שוידערלעך וואס דער רמב"ם שרייבט וואס פאר א טראגישע נאך פאלגען עסען טרפות האט געהאט אין זיין צייט, נאנט צו הונדערט טויזענט מענטשען זענען אומגעקומען מיט מיתות משונות רח"ל צוליב עסען מ"א

(מובא בכתבי שו"ת של הרמב"ם, ובספר צפנת פענח פ' יתרו ד"ה ונראה, ובספר דגל מחנה אפרים פ' עקב).

דערפאר וויל איך וויסען אויף זיכער איידער איך גיי קויפען פלייש אין דעם אויבענדערמאנטען בוטשער סטאר זאל איך זיין געזיכערט אויב ח"ו דאס פלייש איז נישט הונדערט פראצענט ווי עס דארף צו זיין, און עס איז באשערט רח"ל פאר אלע רשעים (לשון נקיה) צרות און אומגליקען צוליב דעם, נישט קיין חילוק וואס פאר א אומגליק דאס איז ווי צ.ב.ש. הארץ אטאק'ס, די ריכטיגע מעשה רח"ל, נערוועץ צוזאמען בראך, אסמא, מיט אנדערע אטעם קראנקהייטען אלערדזשי, בלוט סירקולאציע, נירען קראנקהייטען, צוריק'געבליבענע קינדער, מאגן קראנקהייטען און אלע אומגליקען וואס איז נאר שייך איבערהויפט חיוב כרת ל"ע, זענט איר דאס אלעס מקבל אויף זיך און אויך די שוידערליכע עונשים אויף יענע וועלט אזוי ווי דער חפץ חיים זי"ע שרייבט, אז דער וואס עסט מאכלות אסורות טוט מען אויף יענע וועלט אפערירען יעדען ביינדיל און יעדען אדער פון מענטשענס קערפער ארויס צו נעמען דאס טריפות, אין לויטען זוה"ק ווערט מען פארווארפען אין שאול תחתית רח"ל אויף אייביג.

בקיצור אלע אומגליקען פון דער וועלט און יענע וועלט פון אונץ און אונזערע קינדער זענט איר מקבל אויף זיך, דעמאלט קען איך עסען דאס פלייש רואיג, ווייל איר זענט א רב וואס נעמט א געהעריגע אחריות אויף אייער הכשר.

אויב איר נעמט אויף זיך די אחריות אויף די אלע אויבענדערמאנטע זאכען ביטע שרייבט דא אונטער און

---

ב"ה

<u>נוסח התנאי עם רב המכשיר בזה ובבא</u>

איך בין מקבל אויף מיר די אלע אויבענדערמאנטע אומגליקען וואס קען פאסירען אויב דאס פלייש פון בוטשער סטאר.......... ווי איך געב השגחה, אויב דאס פלייש איז נישט הונדערט פראצענט 100 %

<u>ג ל א ט כ ש ר</u>

און עס איז באשערט רח"ל צוליב דעם אויף אלע רשעים (לשון נקיה) וואס עסען דאס אומגליקען ל"ע, ווי צ.ב.ש. הארץ אטאק'ס, די ריכטיגע מעשה רח"ל, נערוון צוזאמען בראך, אסמא, מיט אנדערע אטעם קראנקהייטען, בליט סירקולאציע, נירן קראנקהייטען, צוריק געבליבענע קינדער, און חייבי כריתות ל"ע, און אלע אנדערע אומגליקען ל"ע וואס עס איז נאר דא אין די וועלט, וואס עס איז נאר שייך אויף די וועלט, און יענע וועלט.

( מקום החותם)

.........................

נ.ב. ביטע ענפערען ווי שנעלער.

---

נעשה ונגמר ע"י בי"ד של שלש

נאום: אברהם גרינהוט דיין
נאום: גבריאל בערקוביץ דיין
נאום: נפתלי בראזעווסקי דיין

נעשה ונגמר אור ליום ג' גם אני שמעתי את נעקת בנ"י תשמ"ג לפ"ק

*****